# א מחי'!

16 טיפס פאר א
## געשמאקע
אידישע לעבן

גליון ז'
פסח תשפ"ד

הגליון נערך לע"נ הרה"ח ר' **חיים אלטר** ב"ר **ישראל** ז"ל וזו' מרת **לאה חי'** ב"ר אברהם ע"ה **ניימאנן**

בפיקוח הרה"ג דומ"ץ טאהש
מאנסי שליט"א

## יסוד #11
# זיי א דאווענער
## (חלק ב')

1. זיי בעה"ב
2. זיי מעונג
3. זיי געזונט און שטארק
4. זיי א מאן
5. זיי א טאטע
6. זיי אויפגעלייגט
7. זיי אומאפהענגיג
8. זיי ריין
9. זיי מסודר (דו האסט שוין איינמאל צייט...)
10. זיי א לערנער
11. **זיי א דאווענער**
12. זיי גוט
13. זיי דאהי
14. זיי שטוס
15. זיי געשיקט
16. זיי א הולך



לכבוד דעם ארויסגעבער פון גליון "א מחיה".

דו האסט אזוי צוקער זיס אראפגעלייגט דעם גאנצן ענין פון תפלת שחרית, אבער איך האב נאך שטארקע קשיות אויפ'ן גאנצן ענין פון תפלה בכלל.

בעצם שעם איך מיך צו פרעגן, ווייל איך האב מורא אז דו וועסט מיך אנקוקן ווי א שגץ אדער ווי א בעיבי, אדער ביידע צוזאמען. אבער אזוי ווי דו ווייסט נישט ווער איך בין, וועל איך דיר עס פארלייגן. און אויב דו האסט מיך נישט וואס צו ענטפערן, איז נישט.

1. דער אויבערשטער איז גוט, און טוט פאר יעדעם וואס איז די בעסטע פאר אים. ריכטיג? דעמאלטס וואס האב איך צו בעטן עס זאל זיין אנדערש?
2. יעדער שרייט אז תפלה העלפט אלעמאל. לאמיר עס פרעגן איידל: סארי, עס קוקט נישט אויס אזוי. איך האב שוין געבעטן אסאך זאכן וואס איך האב נישט באקומען.
3. א שלעכטער מענטש קען מען פארשטיין אז אויב מען וועט וויינען און זיך בעטן ביי אים וועט ער נאכגעבן עפעס. אבער דער אויבערשטער?! וואס פעלט אים אויס אז אונז זאלן 'איינרייסן' ביי אים? וואס קען ער נישט פלעין געבן וואס מען דארף?
4. נאך מער, ווער שיקט לכתחילה די פראבלעמען אויף וואס מען דארף זיך אזוי בעטן ביים אויבערשטן אוועקצונעמען, נישט דער אויבערשטער?

בין איך א שגץ??

געמישל

# לאמיר זיין קלאר

הרב צעמישט, דו ביזט גארנישט קיין שגץ. עס איז באקאנט פון בריסקע רב זי״ע, אז א שגץ האט מסקנות, נישט קיין קשיות. דו ביסט פשוט אביסל - צעמישט. בעזר השם, אין צוואנציג מינוט ארום וועסטו זיין קריסטאל קלאר אין די גאנצע נושא. ביזט גרייט? געגאנגען!

לאמיר צענעמען די עיקר קשיא. וויאזוי קען מען זאגן אז תפלה העלפט אלעמאל, ווען די מציאות ווייזט אז נישט! נישט אלעמאל ווערט מען געהאלפן מיט וואס מען בעט!?

יעצט לאמיר דאס אביסל מער צענעמען: וואס איז טייטש 'תפלה העלפט'?

**אז 1) איך וויל עפעס, 2) איך בין מתפלל אויף דעם, און 3) איך באקום עס! ריכטיג? פשוט. יעצט לאמיר עס צענעמען אויף קליין געלט, און זיכער מאכן אז אונז פארשטיימיר וואס מיר רעדן.**

## #1: איך וויל עפעס

### א מעשה

לאמיר געבן דאס ווארט פאר א גוטער ידיד; בערל בעטער:

איין גרינעם דינסטאג ליג איך אזוי געשמאק אין בעט 6:30 צופרי, ווען מיטאמאל קומט דער אנטיסעמיט און הייבט אן שרייען אויף הויכע טענער טטטררררררר טטטטררררררר טטטררררר. איך טראכט נישט קיין צוויי, איך געב אים א זעץ אין קאפ אריין, טאקע דארטן ביים סנוז קנעפל, און הכל על מקומו יבא בשלום. איך דריי זיך אויס אויפ'ן צווייטן זייט, א מחי'! איי ווי זיס איז דער שלאף. די מנוחה נעמט נישט מער ווי פינף מינוט, און דער אכזר איז דא צוריק! טטטרררררררר טטטטרררררררר טטטטרררררררה, ער גיבט נישט אויף. נישט קיין פראבלעם, נאך א זעץ, אין דער שגץ איז שטיל.

6:40, דער איז צוריק! פריש און מונטער! די זעלבע 6:45, 6:50, 6:55, דער בחור געבט נישט אויף! אקעי, איך גיי אים ממית'ן איינמאל פאר אלעמאל. איך גיי אויסלעשן דעם זייגער און פארטיג.

### דער פראבלעם

אבער איין מינוט, אויב וועל איך נישט אויפשטיין יעצט, וועל איך נישט אנקומען באצייטנס צו די ארבעט, און מען וועט מיר ארויס'זרק'ן פון דארט, און איך וועל נישט האבן קיין פרנסה. ניין, קוקט נישט אויס אז איך קען פטור ווערן פון דעם אנטיסעמיט...

### די עצה

פלוצלינג דערמאן איך מיך! אין מיין חלום האב איך באקומען א בשורה פון עפעס אן אלטער איד מיט א ווייסע בארד, אז צוליב א מצוה וואס איך האב נעכטן געטון האב איך באקומען א מתנה, אז וואס איך בעט ווערט תיכף מקוים.

איך האב אן עצה! ״הייליגע באשעפער, מיין וועכנטליכע וועידזש איז אן אלף'ל. לייג מיר עס ביטע אריין אין באנק, אז איך זאל נישט דארפן גיין די וואך צו דער ארבעט.״ אומר ועושה, איך הייב אויף דעם טעלעפאן און איך רוף דעם באנק, און קוק אהער, דער אלף'ל איז אנגעקומען אין באנק!

אבער איין מינוט, אויב וועט מען מיך אפזאגן פון דער ארבעט, פון וואו וועל איך האבן פרנסה די קומענדיג וואך? ״הייליגע באשעפער, מיין יערליכער בודזשעט איז בערך $52,000, שליידער מיר אריין אין באנק אזא הונדערט אלפים, איך זאל קענען שלאפן רואיג.״ צוריק אויפ'ן



טרייבל, און נישט מער און נישט ווייניגער! די הונדערט אלפים ליגן ביי מיר אין אקאונט!

### שלאפן גייט מען שלאפן!

א מחי'!... דער אנטיסעמיט האט געכאפט אזא זעץ, אז ער ליגט צעטיילט אויף צוויי. איך דארף אים מער נישט האבן! א דריי צוריק אויף די צווייטע זייט, יעצט גייט מען שלאאאאאפן! אבער נאך ווי!

עס איז שוין אריבער אפאר שעה, איך ווייס נישט פונקטליך וויפיל, ווייל דעם זייגער האב איך דאך שוין נישט, אבער עס איז נישט קיין וויץ, עס איז שוין עכט צייט צו גיין דאווענען. איך געב אבער א בענקעדיגע בליק אויפן קישן, און דער מצב ווערט ערנסט... ״הייליגער באשעפער! דו ביזט דאך א כל יכול, מאך מיר א גע'דאווענט'ער.״... דו וועסט נישט גלייבן! איך קוק אויף מיין לינקע האנט, עס איז דא דארט די ליינס, נישט נאר פון רש״י'ס תפילין, נאר אפילו פון ר״ת'ס! עס גייט מיר גוט! א זעץ אריין אין קישן. אוי איז דאס גוט.

### שלום בית...

איך כאפ מיך אז איך האב נאך א פראבלעם. ״הייליגע באשעפער, איך האב נישט קיין כח צו מסביר זיין די גאנצע געשעפט פאר מיין ווייב. לייג איר אריין אין קאפ אז עס זאל איר נישט איינפאלן קיין קשיות, ערלעדיגט? ווייסטו וואס, איך טראכט נאך בעסער, לייג איר אריין אין געדאנק, מיר צו ברענגן א טאץ מיט א פרישטאג צום געדענקען! א גראבע סענדוויטש, א בייגל, אויפגעשניטן און געטאוסט, פוטער אויףביידע זייטן, א נאסע אייער שפייז מיט געדינסטע צוויבל אינדערמיט, וכו' וכו', און מאך שוין אויך אז עס זאל נעמען שנעל.״

### פרישטאג!

עס גייט
נישט דורך
קיין צוויי

מינוט און די פרישטאג דעליווערי קומט אן מיט א שמייכל! איך זעץ מיך אויף אין בעט, און מען גייט עסן! "הייליגער באשעפער, דער סענדוויטש שמייכלט געשמאק, אבער וויאזוי קען איך עסן אין בעט, אן דעם וואס מיין גאנצע בעט געוואנט זאל מיטעסן? ווייסטו וואס, מאך אז דער סענדוויטש זאל אנקומען גראד אין מויל אריין."

## ווער האט כח צו דעם?!

אוי, איך האב קיינמאל נישט געוואוסט אז קייען איז אזוי שווערע... "הייליגע באשעפער! לייג שוין אריין דאס עסן גראד אין מאגן אריין."

שוין, אפגע'דאווענ'ט, זאט, יעצט קען מען שלאפן רואיג. א מחי'. אבער איך בין דאך שוין נישט מיד. נישט קיין פראבלעם. "הייליגע באשעפער, מאך מיך גוט מיד." א מחי'! אוי ווי גוט איז די בעט ווען מען איז געהארגעט מיד...!

## איינמאל פאר אלעמאל

"הייליגער באשעפער, איך האב שוין נישט קיין כח צו דיר צו בעטן יעדע זאך עקסטערע. איך בעט דיר איין זאך, איך וויל קענען רואיג שלאפן! לאז מיך שלאפן אין בעט, איך זאל אייביג זיין זאט, מיין ווייב זאל קיינמאל גארנישט דארפן פון מיר, מיינע קינדער זאלן אויפוואקסן ערליך און פיין אן דעם וואס איך זאל מיך דארפן אפגעבן מיט זיי, קיינער זאל נישט באמערקן אז איך בין נישט געקומען צו זייער שמחה, וכו' וכו', דער עיקר איז אז איך זאל שטענדיג גוט שלאפן..." אייגנטליך כאפ איך זיך, פארוואס דארף איך זיך בכלל אויפוועקן? "הייליגער באשעפער, העלף מיר זיך גוט אויסשלאפן, וועק מיך אויף ביי די זיבעציג!"

## עפעס שטימט נישט...

איין מינוט, איין מינוט. עפעס מאכט נישט דא קיין סענס.

פארוואס זאל איך אויפשטיין ביי די זיבעציג?

אפשר זאל איך שוין שלאפן אין איין צו ביז איך שטארב?

עפעס שטימט נישט.

סתם צו שלאפן, וואלט איך נישט געדארפט געבוירן ווערן. הממממ.......

## איך כאפ שוין!

"הייליגער באשעפער, קענסעל די גאנצע זאך! איך וויל לעבן ווי א מענטש! עפעס הייב איך אן צו כאפן, אז דוקא די טעגליכע מיטשעניש, דאס הייסט געלעבט!" (עי' אוצר פנינים בראשית ג' י"ד)

## דער זייגער זינגט

טטטררררר טטטררררררר טטטרררררררר... 7:00 שרייט דער זייגער! אוי די גאנצע זאך איז נאר געווען א פינף מינוטיגע חלום? אוי איז דאס געווען א חלום! דער זייגער קוקט שוין גראדע נישט אויס ווי אזא אנטיסעמיט. איך הער שוין יעצט אן אנדערע ניגון, איך הער אים שרייען "בערל, געגאנגען! דו האסט א פרישער טאג צו 'לעבן', שטיי אויף און לעב אריין!"

## צעמישט

בערל האט געמיינט אז ער ווייסט וואס ער וויל. ער האט זיך ממש געבעטן ביים באשעפער ער זאל קענען שלאפן. אבער קוק וואס איז געשען ווען דער באשעפער האט אים נאכגעגעבן! פלוצלינג כאפט ער זיך אז נישט דאס זוכט ער! וואס איז טאקע פשט?

## באקוועם איז טויט?

מיר קומען דא צוריק צום נושא וואס מען האט שוין אפאר מאל בארירט (זע דעם זייטיגן קעסטל): פולקייט און באקוועמליכקייט איז קיין שום תענוג נישט. עס איז נישטא עפעס מער באקוועם ווי א טויטע גוף. ער פילט נישט גארנישט (עכ"פ וואס מען זעט מיט די פליישיגע אויגן). ער האט נישט קיין שום עול, קיינער ערווארט נישט פון אים ער זאל אים עפעס טון, ער דארף ניטאמאל פארן צו זיין ברודער'ס וואכנאכט אין מאנסי. ער איז טאטאל פריי. דאך וויל קיינער נישט זיין טויט. עס איז בכלל נישט געשמאק צו זיין טויט. טויט איז **גארנישט**. שלאפן איז אביסל טויט. עס איז נישטא קיין שום געשמאק דערין. וויפיל עס פעלט אויס צו זיין אויסגערוט איז אודאי וויכטיג, אבער צו שלאפן איבריג? דאס מאכט שוין סתם מרה שחורה.

## זאלסט כאטש וויסן

בקיצור, א מענטש דארף וויסן וואס ער וויל. ער וויל האבן געזונט, פרנסה, נחת, תורה, עבודה, גמילת חסדים, וכו' וכו'. אויב דו וועסט ריכטיג אריין טראכטן, וועסטו זען אז דאס ווילסטו, און אויף דעם וועסטו בעטן. דער אויבערשטער איז נישט אזוי שלעכט אויסצוהערן בערל בעטער'ס תפלה, און אים לאזן ליגן ווי א טויטער. לאמיר זיכער מאכן אז אונזער תפלה קוקט נישט אויס ווי זיינס, כדי דער אויבערשטער זאל טאקע ממלא זיין אונזערע בקשות.

## וואס וויל איך?

טראכט אריין א רגע, וואס איז דער היפך פון צער (פעין בלע"ז)?! ליין נישט ווייטער, טראכט טאקע. וואס איז די היפך פון צער?

הנאה (פלעזשור), איא? ריכטיג? פשוט, ניין?!

ניין, ניין און נאכאמאל ניין! בכלל נישט! דער היפך פון צער, איז 'נישט צער', דהיינו: באקוועמליכקייט. דאס אויסמישן די מושג פון באקוועמליכקייט מיט די מושג פון הנאה איז אן ערפינדונג פון די מערב וועלט אידעאלאגיע. א כינעזער, אראבער, וכו' וועלן קיינמאל נישט אויסמישן די צוויי זאכן. באקוועמליכקייט און תענוג האבן נישט קיין שום שייכות איינע מיט די אנדערע.

לאמיר דיר עס אויפווייזן אין איין מינוט מיט א פשוט'ע משל. דו גייסט שווימען מיט דיין זעקס יעריגן זון, און ער זעצט זיך אוועק באקוועם אויף א בענקל אין די זייט פון די סווימינג פול. דו ביסט דאך א געטרייער טאטע, דו ווילסט דאס בעסטע פאר אים, זאגסטו אים 'מוישי, טאנץ אריין אין פול!' אבער איין מינוט, וואס ווילסטו פון אים, ביזטו דען נישט מודה אז עס איז באקוועמער צו זיצן אויפן בענקל ווי צו שווימען אין א קאלטע פול? נאר וואס דען, דו ווילסט ער זאל מאכן א לעבן! ער זאל האבן דעם הנאה פון רוקן זיינע גלידער און פלאטשקענען אין די פרישע וואסער!

נאך איין הוכחה. תענוג איז עפעס וואס מיר זוכן, איא? ווי מער אלס בעסער. פשוט. געדענקסט אפשר דעם בחור אין ישיבה וואס איז נעבעך געשלאפן 20 שעה פונים מעת לעת? די בעט איז דאך די באקוועמסטע פלאץ פון א מענטש, וועט איינער דען טראכטן אז דער בחור 'האקט א לעבן,' ענדזשויט זיין 'לעבן'?

איך האב נייעס פאר אייך. באקוועמליכקייט איז עצלות. עס ברענגט נישט קיין שום הנאה פאר'ן מענטש. די באקוועמסטע פאר'ן גוף איז ווען ער איז שוין טויט, ער פילט שוין גארנישט! אדרבא, ווי מער א מענטש קען פארנעמען צער און אומבאקוועמליכקייט, אלס מער תענוגים וועט ער האבן! געדענק, דו ווילסט נישט באקוועמליכקייט, דו ווילסט תענוג. האלט דיין קאפ גראד. (איין זאך איז יא דא א בענעפיט אין באקוועמליכקייט. בשעת וואס מען וויל די מח זאל זיין פריי צו קענען טראכטן, אינזין האבן, איינשלאפן וכדו'. וואס דעמאלטס אויב מען איז נישט באקוועם וועט עס שטערן די פולקאמע כוונה.)

(ארויסגענומען פון גליון א'. זעה נאך איבער די נושא, מיט די מקורות, אין די מכתבים פון גליון ב'.)

# #2: איך בין מתפלל אויף דעם

## אן עצה טובה

לאמיר דיר געבן אן עצה טובה. אויב האסטו א בחור אין ישיבה, און דו ווילסט הערן פון אים, געב אים נישט אויף איינמאל טאשן געלט פאר די גאנצע זמן. קודם כל, וועט ער עס נישט וויסן צו עפרישיעטן, און נאכדעם, וועסטו נישט הערן פון אים ביז דעם קומענדיגן בין הזמנים. געב אים נאר טאשן געלט פאר איין וואך. זאג אים אז ווען ער דארף נאך, זאל ער דיר געבן א רוף און דו וועסט עס אריבערשיקן.

וואס וועט געשען? ווען ער וועט דיר רופן, וועט ער זיך שעמען פשוט צו בעטן פון דיר געלט איינמאל און נאכאמאל, וועט ער נישט האבן קיין ברירה, און ביים קומענדיגן טעלעפאן קאל, וועט ער שוין מוזן אנהייבן "וואס מאכסטו טאטע? וואס הערט זיך עפעס אינדערהיים? א גרויסן יישר כח פאר די געלט וואס דו האסט מיר געשיקט פאריגע וואך, עס איז זייער עפרישיעיטעד", וכו' וכדו'. אזוי וועסטו אויפבויען א וואונדערליכן קשר מיט אים.

## שטיינער אין וועג

איך זאג נישט אז עס וועט גיין אזוי גרינג. עס וועט זיכער אונטערקומען שטיינער אין וועג. ווי למשל, עס קען זיין אז דיין בחור וועט זיין פויל, און פרובירן צו גיין גראד צו דיין שליח, צו בעטן פון אים דאס געלט דירעקט. אדער קען זיין, אז ער וועט דיר יא רופן, אבער עס וועט נאר זיין אויף צו יוצא זיין, "טאטי, שיק מיר הויזן, ביי."

אדער קען ער אמאל בעטן ביי דיר עפעס וואס וועט אים צוגרינד לייגן. למשל, ער וועט דיר בעטן בתחנונים פאר אן אלף'ל. אפילו אויב דו קענסט זיך עס ערלויבן, פארשטייסטו אליין, אז דאס וועט אים נאר אונטערברענגען. אדער קען זיין אז ער וועט נישט כאפן בכלל אז דו ווארטסט פאר זיין קאל, און ער וועט בלייבן הונגעריג אן געלט. ביי די אלע פעלער, וועסטו דארפן נוצן שכל וויאזוי צו האנדלען. קען אפילו זיין אז דו וועסט אים דארפן געבן א קיצל. אפשר רופן זיין דירה זאל אים דריקן פאר די רענט וכדו'. אבער איין שטראף זאלסטו אים קיינמאל נישט געבן. **געב נישט אויף צו האבן א גוטן קשר מיט אים.** ער איז דיין בלוט און פלייש. עס קומט אים צו האבן א גוטע געשמאקע שייכות מיט דיר.

## א פארלעסליכער מקור

ווילסט וויסן פון וואו איך נעם דאס? ווייל אזוי טוט דער אויבערשטער מיט מיר און דיר! ער גיבט דיר אביסל אויפאמאל, ווייל ער וויל הערן פון דיר. ער וויל דו זאלסט באמערקן די גוטע זאכן וואס ער געבט דיר כסדה, און דורכדעם זען זיין מורא'דיגע ליבשאפט צו דיר. ער וויל האבן א נאנטן קשר מיט



דיר (יומא עו., ח"ח עה"ת בראשית ג' יד., ספר שמחת ישראל מאמרי שמחה ע"ב).

דער באשעפער האט גענוג און נאך דיר צו געבן געזונט, פרנסה און נחת אויף נעקסט לעוול, אבער ער האט **דיך** זייער ליב. ער וועט דאס נישט געבן אויפ'ן פרייז פון זיין נאנט צו דיר.

די ציל פון תפלה איז אויסצושרייען, "ליבער טאטע, קיינער קען מיר נישט העלפן אויסער דיר. די גאנצע וועלט איז אן אויגן פארבלענדעניש. איך פארשטיי אז עס קומט מיר גארנישט, מי הקדמני ואשלם, אבער דאך בעט איך דיר, געב מיר א רואיג לעבן, מיט בני חיי ומזוני רויחי.' (יעצט ליין איבער די דעטאלן פונעם משל, כדי גוט צו פארשטיין דעם נמשל.)

**תפלה מיינט נישט בעטן ווי צו א הארטנעקיגער גזלן צו רחמנות האבן אויף דיר. דער אויבערשטער האט שוין רחמנות אויף דיר. תפלה מיינט זיך מכניע זיין, תפלה מיינט הכרת הטוב אויף וואס מען האט. תפלה מיינט פארשטיין אז נאר דער אויבירשטער קען דיר העלפן** (חובת הלבבות שער חשבון הנפש פרק ג'; ספר הבתים, ספר מצוה, מצוה י"ג).

# #3. איך באקום עס

## תפלה העלפט

רבותי, תפלה העלפט. קלאר ווי דער טאג. תפלה העלפט אין צוויי וועגן. די ערשטע און עיקר וועג וואס עס העלפט, איז דיר צו ברענגן נאנט צום אויבערשטן. דאס איז די גאנצע סיבה פון **תפלה** (מבי"ט שער התפלה פ"ב; נועם אלימלך פרשת בראשית ל' ח'; רבינו יונה, שערי העבודה, אות ח'; דרך ה' לרמח"ל ח"ד פ"ה, ועוד ועוד). עס איז נישטא קיין געשמאקערע זאך אויף דער וועלט, ווי זיין נאנט צום אויבערשטן. עס איז א בחינה פון גן עדן אויף דער וועלט.

די צווייטע וועג מיט וואס תפלה העלפט איז צו באקומען דאס וואס דו האסט געבעטן. און די סיבה דערצו איז פשוט. די גאנצע סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט אזוי צוגעפירט אז דו זאלסט האבן א פראבלעם לכתחלה, איז פשוט געווען כדי דיר צו דערמאנען אז ער איז דא, און דו זאלסט אויפהייבן דעם טעלעפאן און אים רופן. ("דער אויבערשטער האט געמאכט א וועלט פון בְּזֵעַת אַפֶּיךָ צוליב די שלימות פון תפלה". ר' אביגדור מילער זצ"ל). **האב מיט אים אן אפענהארציגע שמועס אין אידיש** (סוטה לב., פני יהושע ברכות כח:, מגן אברהם סי' ק"א סק"ה, ספר חסידים סי' תשפה, עבודת עבודה דברות קודש פרשת מסעי), **נישט אנדערש ווי מען רעדט זיך אויס צו א ווארימער טאטע אדער א גוטער חבר** (עבודת ישראל פרשת לך, דברים, ואתחנן; עבודת עבודה שיחת קודש חלק ב' מוצש"ק חוקת; כוכבי אור, אנשי מוהר"ן, אות ד).

## מקדים זיין די רפואה פאר די מכה

נאך קלוגער וואלט געווען, ווען דו בעטסט שוין פאראויס אויף זאכן וואס דו האסט שוין יא, אדער זאכן וואס דו מיינסט אז די געבסט זיך אליינס אן עצה דערמיט. למשל אויב דו באקומסט דיין טשעק יעדן מאנטאג, טו דיר אליין א טובה, און מאנטאג צופרי הייב אויף דיינע הענטעלעך צום הימל, און זאג "הייליגער באשעפער, איך דאנק דיר זייער אויף די געלט וואס דו שיקסט מיר צו יעדן מאנטאג. איך ווייס אז דאס איז א



א מחי'! 16 טיפס פאר א געשמאקע אידישע לעבן

מתנה גראד פון דיר. איך בעט דיר הייליגער באשעפער אז דעם היינטיגן מאנטאג זאלסטו מיר אויך שיקן דעם טשעקל". אז דו ביזט בקשר מיט דיין טאטן סייווי, פעלט שוין נישט אויס ער זאל צוריקהאלטן דיין טשעקל דיר צו אויפוועקן (סנהדרין מד:; ערבי נחל, וארא דרוש א', דברי יואל ח"ב קכ"ה, פרי מגדים, פתיחה כוללות – הלכות תפלה).

# איך האב שוין מתפלל געווען, און נישט באקומען

## טיפ #1 תיקון המעשים

"שמעון, שמעון!" שריי איך מיט אלע כוחות צום דערווייטנדער מיני-ווען, אבער ניטאמאל באמערקט ער מיך. איך פראביר צו פאכן מיט די הענט, שאקלען מיט די פיס, מאכן א קאדאטשקע, אבער גארנישט. דאכצעך ער רעדט אויפן טעלעפאן, און ער כאפט ניטאמאל אז איך וויל אים עפעס זאגן.

בלית ברירה מאך איך א סנאו באל, און איך ווארף עס אויפ'ן מיני ווען. אה, דאס האט ער שוין איינמאל באמערקט. ער מאכט א שארט-סטאפ, און שרייט אויף מיר קולות וברקים! "דו ביזט פון זינען אראפ?!!" איך ווייז אים אויף זיין



טראנק איבערגעפילט מיט רענצלעך, וואס ער האט פארגעסן צוצומאכן! אין מיין דמיון האב איך שוין געזען חברים מעמבערס ארבעטן שווער אפצונעמען דעם פרישן רענצל לאטקעס אויסגעשפרייט אויפ'ן פאליסיידס... "איך האב פראבירט דיר צו זאגן מיט שיינעם. דו האסט מיר אבער נישט באמערקט. אנטשולדיגט."

דער באשעפער פראבירט צו רעדן מיט גוטן. עס איז דא א גאנצע ספרים שאפע, און טויזנטער שיעורים פול מיט חיזוק און התעוררות. דער בת קול יוצא מהר חורב געבט דיר יעדן טאג א קיצל און הארצן זיך צו פארבעסרן (כתר שם טוב אות קמו), אבער צומאל הערסטו נישט.

ווארפט דער אויבערשטער א שטיינדל. אז דער אויבערשטער ווארפט א שטיינדל מיינט עס עפעס. ער וויל דו זאלסט זיך פארבעסערן. ער ווארפט נישט קיין שטיינער סתם אזוי (שבת נה.). ער הייבט אן מיט קליינע, און אויב האסטו שכל, כאפסטו שוין דעמאלס (נתיב מצותיך, נתיב אמונה אות ג', ו עי' ערכין טז:). עס לוינט זיך דיר ווי שנעלער אויפצוהייבן דיינע הענט צום הימל, און זאגן "הייליגער באשעפער, איך האב באמערקט דעם שטיינדל, איך וועל מיר פארבעסערן."

צוזאמען מיט תפלה דארף קומען תיקון המעשים. צי דאס איז סור מרע, צי עשה טוב, צי אפילו זיך פארבעסערן אין תפלה אליין ווי אויבן דערמאנט. דו האסט טאקע נישט קיין נביא צו זאגן פונקטליך וואס דער אובערשטער וויל פון דיר, אבער וועגן דעם קומט די שטראף מדה כנגד מדה, כדי דו זאלסט גרינגער קענען צוטרעפן וואס ער וויל פון דיר (אלשיך הק' ויקרא ט'). און אויב האסטו בטעות זיך פארבעסערט אין א צווייטע זאך, איז אויך נישט עק וועלט...

## טיפ #2 מיין עס אמת'דיג

"טו מיר א טובה, געב מיר א צוואנציגער," זאגט מיר דער משולח. איך נעם ארויס א דאלער און איך דערלאנג עס אים. ער זאגט "תזכו למצוות", און ער גייט ווייטער. איך וואלט אים גראדע אפשר געקענט געבן א גאנצן צוואנציגער, אבער פאר'ן 'טרייען זיין לאק' געב איך נאכנישט קיין צוואנציגער.

דער אויבירשטער וויל דיר געבן, אבער האסטו טאקע געבעטן, אדער נאר 'געטרייט דיין לאק?' בעטן איז טייטש אז דו ווייסט קלאר אז דו בעטסט, און דער באשעפער וועט עס דיר אודאי געבן! אין דעם זענען דא מדריגות אויף מדריגות. מיט אסאך יגיעה און הארץ קען מען אפילו צוקומען צו לאזן טרערן! שערי דמעות לא ננעלו, ווייל עס ווייזט ווי אמת'דיג דו מיינסט עס (ר' אביגדור מילער זצ"ל טעיפ #492. דרך אגב, עס איז נישטא קיין שום ענין צו פראבירן צו וויינען, מען דארף פשוט פראבירן עס צו מיינען אמת'דיג).

## טיפ #3 העלף נישט דעם אויבערשטן

דער אומבאלומפערטער משמש ליגט אויסגעשפרייט פרקדן אונטער'ן ביהמ"ד סינק און פרובירט צו 'פארעכטן' די סינק מיט סקאטש טעיפ... "יענקל, אפשר פארעכסטו דאס פאר מיר?" מורמעלט ער ארויס צווישן די ציין וואס האלט א ראסטיגן שרויפן ציער.

איך וואלט עס גראדע גערן געטון פאר אים, אבער אויב ער האלט אז ער גיבט זיך אליין אן עצה, ווער בין איך זיך אריין צו מישן?

דער אויבערשטער האט געהייסן טון נארמאלע בדרך הטבע'דיגע השתדלות אז די ברכה זאל האבן אויף וואס חל צו זיין, אבער אויף וואס פארלאזטו זיך באמת? אויף דיין תפלה אדער אויף דיינע פליישיגע הענט? אויב דו מיינסט אז דו גיבסט זיך אן עצה, לאזט ער דיך פראבירן, חוזק בלייבסטו...

## טיפ #4 'אויב נישט'

**"טאטי, אפשר שיקסטו מיר טויזנט דאלער?"**

"מען וועט זען."

**"אויב נישט, כאטש העלף מיר מסדר זיין זיך צו לערנן קלארינעט ביי ר' הערשל. ער גיבט געשמאקע חסיד'יש"ע מוזיק לעסענס."**

וואס האט דא פאסירט? דער בחור האט קודם געבעטן עפעס וואס איז קלאר נישט גוט פאר אים. אבער צום סוף האט ער געבעטן עפעס וואס מאכט שוין סענס. וואס דאס וועט ער מעגליך יא באקומען.

ווען דו בעטסט א תפלה איז כדאי צוצולייגן "און אויב איז עס נישט באשערט אויפ'ן מינוט, דעמאלס כאטשיג... (עי' תפלת הרה"ק ר' מרדכי מנדבורנא זצ"ל.) מיט דעם פארדינט מען דריי זאכן:

1. מען פארלאזט זיך נישט אז דער אויבערשטער וועט **זיכער** טון פונקט ווי איך פארשטיי, וואס דאס איז אסור על פי הלכה (ראש השנה טז:, בבא בתרא קסד: טור ושלחן ערוך סי' צ"ח סעי' ה', ליקוטי מהר"ן ח"א סי' כ' ד"ה ובשביל).

2. אסאך מאל וועט דאס העלפן צוקומען צו דאס וואס דו ווילסט בעצם. לדוגמה "הייליגער באשעפער, די לאטערי האלט יעצט ביי איבער א האלב מיליאן דאלער! איך בעט דיר איך זאל געווינען." אויב מעג איך זאגן, איז דאס א 'בערל בעטער' תפלה. אבער עס וועט דיר קלארער ווערן, ווען דו וועסט צולייגן "און אויב איז ח"ו נישט באשערט פאר מיר, העלף אז איך זאל קענען אפצאלן מיינע חובות גרינגערהייט." דאס איז שוין בעצם דאס וואס דו ווילסט.

3. אויב איז דאס טאקע נישט באשערט, ווער עס דיר העלפן צו מקבל זיין דעם גזר דין באהבה, און כאטשיג דיין צווייטע תפלה וועט מקובל ווערן בס"ד.

## נאך איין טיפ, בעט נאכאמאל

עס איז דא אמאל וואס עס נגזר געווארן אז די בקשה זאל געענפערט ווערן נאך כך וכך תפלות (דברים רבה ב יז). בעט און בעט ווייל דיין טאטע הערט דיר אויס. (עי' נדרים מ.)

## די בחירה טריק

### אויס בחירה?

אבער אויב תפלה העלפט, נעמט עס דאך אוועק די בחירה אין אמונה?

מען זעט דאך קלאר ווי מען בעט דער אויבערשטן און מען ווערט געהאלפן! וויאזוי קען תפלה העלפן, אנדעם וואס יעדער קליינקעפיגער זאל עס באמערקן? אויף דעם איז דא א ספעציעלע טריק.

### א מעשה שהיה ויהיה

מיין אפוינטמענט איז געווען 11:00, און יעצט איז שוין 11:05. און איך דארף נאך פארקן! רבוש"ע, פארקן אין מאנהעטן?! "הייליגע באשעפער, איך בעט דיר ברחמים געב מיר א פארקינק ספעיס אז איך זאל קענען זיין באצייטנס. איך זאג דיר צו, פון היינט און ווייטער וועל איך זיין באצייטנס צום דאווענען, איך בעט דיר..." קוק נאר אהער, איינער ציט זיך ארויס פון א פארקינג פונקט פארנט פונעם דאקטער'ס בנין!

"באשעפער נעוווער מיינד. איך האב מיך שוין אן עצה געגעבן..."

יאפ, דאס איז טריק. די ישועה קומט בדרך הטבע, אז דער מענטש כאפט זיך ניטאמאל אז דער באשעפער האט יעצט געענפערט זיין תפלה! און כדי דער טריק זאל ארבעטן נאך מער, נעמט אביסל צייט פון די תפלה ביז די ישועה. מען דארף גאר גוט האלטן קאפ צו געדענקן און כאפן אז די תפלה איז יעצט געענפערט געווארן.

אדרבא, פרוביר זיך צו דערמאנען וויפיל זאכן דו האסט געבעטן פאריאר, און דו האסט עס שוין באקומען. געב אוועק אביסל צייט אויף דעם וועסטו זיך דערמאנען הונדערטער מעשיות פון תפלה וואס דו האסט אליין בייגעוואוינט.

### ווען תפלה ארבעט טאקע נישט

עס איז דא צומאל וואס תפלה ארבעט נישט, אבער דאך העלפט עס. לאמיר זיך מסביר זיין.

אין חז"ל איז מבואר אז עס איז דא אמאל וואס תפלה העלפט נישט. די גזירה איז שוין פארזיגלט און קיין שום תפלה אין דער וועלט קען דאס שוין נישט טוישן (מדרש במגילת אסתר פרשה ז אות יח. ועוד). דו האסט נישט קיין שום וועג דאס צו וויסן, ממילא "אפי' חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל יתיאש עצמו מן הרחמים". דו דארפסט טון דיינס און איינרייסן מיט אלע כוחות, און אויב די גזירה איז שוין פארזיגלט דארפסט דאס אננעמען באהבה. דיין מח איז אזוי קליין, אז דו קענסט ניטאמאל געדענקן מער ווי בערך צען נומערן אויפאמאל, אן אראפשרייבן. אונזער מוחות זענען פיצעלע קעגן וואס עס גייט פאר אין די בריאה. ממילא, פארשטיי אז דו פארשטייסט נישט, און פאק אין.

מען דארף געדענקען, אז אפילו אין אזעלכע סארט פעלער, העלפט תפלה. שרה אמנו האט אריין געלייגט טויזנטער תפלות במשך די יארן וואס זי האט געווארט פאר קינדער. זי האט זוכה געווען צו ווערן די מאמע פון כלל ישראל און נאך איבערשטייגן אברהם אבינו אין נבואה! און דאס איז טאקע געווען די סיבה פון נישט האבן קיין קינדער, אז זי זאל מתפלל זיין פון טיפן הארץ מער און מער (יבמות ס"ד ע"א).

## למעשה

זיי דיך קובע זעכציג סעקונדעס א טאג, וואס דו וועסט בעטן דיין טאטן וואס דו דארפסט. צו דאס איז אויפן וועג צו שול, צו סיי-וואן. באשטים א צייט ווייל אז נישט וועט עס נישט געשען. "הייליגער באשעפער, איך דארף היינט געלט פאר די גראסערי. הייליגער באשעפער, העלף מיין זון זאל היינט זיין וואויל אין חדר", וכו' וכו'. דו וועסט פילן קודם ווי דו רעדסט צו די וואנט, עס וועט זיין אן קיין שום געפיל, אבער געב נישט אויף. דאס וועט טוישן דיין לעבן!



ליג עס נישט אפ! פאר דו ליינסט ווייטער, טראכט אריין א צייט ווען עס קען ארבעטן פאר דיר, און הייב עס אן צו טון. אויב דו טוסט עס נישט יעצט, האסטו נארוואס פארברענגט צוואנציג מינוט פון דיין לעבן פאר גארנישט...

# קורץ און שארף

## הקדמה:

ווען א ווערעמל עסט זיך אריין אין א כריין, מיינט זי אז קיין זיסערס איז נישטא. לאמיר נישט זיין ווי דעם ווערעמל. לאמיר יא זיין גרייט אפצולאזן אונזער יעצטיגע 'זיסקייט' כדי צו טועם זיין עפעס בעסערס. 'סטעטוס קוואו' איז ביטער. מיר גייען זיך רוקן פאראויס.

## יסוד 1: זיי בעה"ב

ערעב בלאטעניו (דיין חומר) רעדט צו דיר אגאנצן טאג. ער מאכט חשבונות, ער מאכט דילס, אלעס אז דו זאלסט אים נישט אנשטרענגן. האלט קאפ צו באמערקן ווען ער רעדט צו דיר, און לאז נישט די שמועס איינזייטיג, טענה צוריק! זאג אים קלאר וואס דו ווילסט. "איך וויל אויפשטיין, דו דרייסט מיר א קאפ." פשוט מיט'ן ארויסזאגן די ווערטער אין דיין מח, האסטו שוין געוואונען האלב פון די מלחמה. ווילסט עס נעמען צו די נעקסטע לעוועל? שמועס אויס די טענה'רייען מיטן מויל. ווערסט נישט גלייבן ווי אינטערעסאנט און תועלת'דיג די שמועסן קענען זיין.

## יסוד 2: זיי מעונג

באקוועמליכקייט איז נישט קיין תענוג. באקוועמליכקייט = פוילקייט = דעפרעסיע. תענוג = עבודה = געשמאק. הן ברוחניות הן בגשמיות. די בענקעל איז באקוועם, א שווים איז געשמאק. אויך די בעט איז באקוועם, אבער קיינער איז נישט מקנא דער וואס שלאפט צוואנציג שעה א טאג. זיי נישט קיין באקוועמע מענטש, וועסטו האבן תענוגים. קוק דעם זייגערל דא אין די זייט. הפך בה והפך בה ווייל דאס איז דיין לעבן. זעה צו פארברענגן ווי מער צייט מיט דעם ווייזער צו רעכטס.

## יסוד 3: זיי געזונט און שטארק

- האלטן די גוף געזונט איז עבודת השם (לשון הרמב"ם).
- עס געזונט, ווייניג און רואיג.
- מאך א טעגליכע אפוינטמענט מיט דיין בעט. זיי צייטליך צו דיין אפוינטמענט. עפעס וואס איז נישט גענוג וויכטיג צו אוועק געבן צייט בייטאג, איז אויך נישט גענוג וויכטיג צו אוועק געבן שלאף.
- מאך עקסערסייז יעדן טאג. די פאר מינוט וואס דו גיבסט אוועק פאר דעם, וועט מאכן דיין גאנצע טאג מער פראדאקטיוו.

## יסוד 4: זיי א מאן

דיין ווייב איז די עקספערט אין צמצום און קשר. דו נישט. ושמח את אשתו, שטעל צופרידן דיין ווייב, וועט זי שוין ערלעדיגן אז די קשר זאל זיין פעסט.

טוה דאס דורך איר צושטעלן די דריי אלף'ס. **אהבה, אטענשען און אפרישיעשן.**

א. אהבה. בוי אויף אן אהבה צו דיין ווייב, דורכ'ן זיך מתבונן זיין אין אירע מעלות, און אוועקמאכן אירע חסרונות.

א. אטענשען. ווען זי רעדט צו דיר איז די וועלט געשטארבן. קוק איר אין די אויגן און פרוביר איר אפצולערנען און פארשטיין.

א. אפרישיעשן (אנערקענונג). דיין וועש קריכט נישט אליין ארויס פון שמוץ-וועש און אריין אין וואש מאשין, דיין גויטע טרעֿנירט זיך נישט אליין צו טוהן די ארבעט, אויך די עסן וואקסט נישט אליין אין פרידזשידער. דיין ווייב לייגט אריין הארעוואניע, און עס קומט זיך איר דיין אנערקענונג

## יסוד 5: זיי א טאטע

דו וואלסט נישט פארקויפט דיין קינד פאר קיין געלט אין די וועלט. די תענוג פון האבן שייכות מיט דיין אייגן קינד, איז גרעסער ווי יעדע גשמיות'דיגע תענוג. נוץ עס אויס צו די מאקסימום! פארברענג ליבליכע צייט מיט אים און ענדזשוי אים.

געדענק אז א קינד דארף מען פלאנצן, בויען און אויך דאווענען.

- פלאנץ השקפות און רצונות דורכ'ן זיין א דוגמא אישית און דורכ'ן שמועסן ווארימע ערליכע שמועסן.
- בוי דורכ'ן אים איינגעוואוינען צו טון מצות מעשיות. טראכט פאר דו הייסט אים עפעס. אבער איינמאל דו האסט געהייסן, זאל זיך די וועלט איבערדרייען, ער מוז עס טוהן. אויב עס פעלט אויס, כאפ אים אן ביי די הענטעלע און מאך אים עס טון.

געדענק! שריי/שלאג נאר ווען עס וויל זיך נישט. ווען דו ביסט גערעגט און די ווילסט שרייען, ביסטו נישט אין קאנטראל, און פטור פון מצות חינוך. שרייען אויף א קינד ווען עס איז נישט במקום חינוך איז אסור מן התורה פונקט ווי שרייען אויף א פרעמדער. ואהבת לרעך כמוך גייט אן אויך ביי א קטן.

- דאווען פאר יעדן קינד עקסטער מיטן נאמען, אויף זיינע פערזענליכע פראבלעמען.

## יסוד 6: זיי אויפגעלייגט

דו האסט הונדערטער זאכן וואס דו האסט יא, און הונדערטער זאכן וואס דו האסט נישט. דאס גייט זיך נישט טוישן אפילו אויב דו געווינסט די לאטערי. עס וועט זיך נאר טוישן וועלכע זאכן דו האסט יא, און וועלכע זאכן דו ווילסט נאך באקומען. לערן דיך אויס צו ענדזשויען די זאכן וואס דו האסט, וועסטו זיין גליקליך און צופרידן דיין גאנץ לעבן.

## יסוד 7: זיי אומאפהענגיג

זיין אומאפהענגיג פון השפעות: נעם דיין מח אויף אן ערנסטע דיעטע. פיטער עס נאר ערליכע פארלעסליכע סחורה, וועט עס ארויסגעבן געשמאקע ערליכע השקפות און געפילן. ממש א מחי'.

זיי אומאפהענגיג ביי די תוצאות: האלט יעדעם איינעם טיף פארפאקט. קיינער קען דיר נישט העלפן הנאה האבן פון דיין לעבן אויסער דו אליין. בשבילי נברא העולם. וואס יענער האלט פון מיר, איז אזוי פיל נוגע ווי דאס וואס די מורישקע האלט פון מיר.

## יסוד 8: זיי רייך

רעד זיך נישט איין אז מער אינקאם, וועט דיר מאכן רייכער. מען קען זיך זייער שנעל צוגעוואוינען צו ספענדן מער, און דעמאלטס וועסטו בלייבן מיט די זעלבע חובות וואס דו האסט יעצט. די טריק צו זיין רייך, איז צו ספענדען ווייניגער ווי מען האט. מאך א שטארקע בודזשעט, וואס האלט דיינע עקספענסעס ווייניגער ווי דיין אינקאם, וועסטו לעבן א רואיגע רייכע לעבן. איינמאל דו טוסט דאס, איז שוין דא וואו די ברכה זאל חל זיין ווען דער באשעפער שיקט מער שפע. ווייל דו וועסט איינטיילן פאר דיין געלט וואו צו גיין, אנשטאט זיך וואונדערן וואו ער איז געגאנגען...

## יסוד 9: זיי מסודר

דו האסט אסאך צייט יעדן טאג. גאנצע פיר און צוואנציג שעה. מאך זיכער אז דו ניצט עס פאר די זאכן וואס זענען דיר די מערסטע אינטערסאנט און וויכטיג. שרייב דיר אפ א פונקליכע סדר היום. צייט איז לעבן, טייל נישט אוועק דיין לעבן פאר אומזיסט.

## יסוד 10: זיי א לערנער

נישטא נאך אזא זאך וואס טוישט אזוי דאס לעבן ווי א פעסטע קביעית עתים לתורה. געזונט, פרנסה, שלום בית, נחת ועוד ווערט דראמאטיש פארבעסערט מיט דעם. גייט מיט די 10 כללים וועט דיר זיין גוט בזה ובבא: 1, לערן פארן אויבירשטנס וועגן. 2, לערן גמרא. 3, קוק זיך פאר. 4, חברותא נאר אויב עס איז א פלאָס. 5, חזרה. 6, מיט א סיסטעם. 7, דו האסט יא צייט. 8, פערציג טעג. 9, שיעור הקהלה. 10, היינט און יעצט!

# שש מצות תמידיות

ברודער, ביסטו א שומר תורה ומצות?

וואס קוקסטו אויף מיר מיט אזא בייז וואונדער... איך האב א שאלה צו דיר: וועלכע מצוה ביסטו מקיים יעצט' עז ווי ספיק?!

אויב ביסטו נישט יעצט מקיים די **שש מצות תמידיות**, האסטו נאך א וועג צו גיין, צו הייסן א ריכטיגער שומר תורה ומצות.

עס זענען דא מצות וואס זענען ספעציפיש פאר מענער, פאר פרויען, פאר כהנים, בזמן הבית, שבת, יו"ט וכו'. אבער עס זענען דא 6 מצוות וואס יעדער איד איז מחויב צו מקיים זיין יעדע סעקונדע פון יעדן טאג. יא! דו קענסט יעצט מקיים זיין 6 דאורייתא'ס! נישט ווייניגער חשוב ווי עסן מצות ביים סדר! די מצות זענען ווי פאלגענד:

1. **גלייבן אז עס איז דא א גאט (אנכי ה' אלוקיך).**
2. **גלייבן אז עס איז נישטא קיין צווייטער (לא יהי' לך).**
3. **גלייבן אז דער באשעפער איז איינס (שמע ישראל... ה' אחד).**
4. **ליב האבן דעם אויבערשטן (ואהבת את ה' אלוקיך).**
5. **מורא האבן פונעם אויבערשטן (מה ה' אלוקיך שואל מעמך... כי אם ליראה).**
6. **נישט נאכגיין דיינע גליסטעניש (לא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם).**

(ספר החינוך בהקדמה, מובא במ"ב סי' א')

כ"ג טבת תשפ"ד 1:30 בייטאכט וועט אויף אייביג בלייבן איינגעקריצט אין מיין זכרון אלס די שעה וואס איך האב פארלוירן מיין חשוב'ן פאטער הרה"ח ר' חיים אלטר בן ישראל הכ"מ, צום גרויס צער פון די משפחה און זיינע פילע ידידים. אבער נאך עפעס וועט בלייבן איינגעקריצט אין מיין זכרון. 8:30 אין דעם זעלבן נאכט, האט מען געזאגט פסוקי יחוד מיט מנין. מען האט געזאגט נשמת, די דרייצן אני מאמין'ס, און אויך די שש מצות תמידיות. מען האט אנגעפאנגען זאגן, 1: אנכי, 2: אחדות השם... תיכף האט מיין פאטער הכ"מ אויפגעהויבן זיין האנט צום לעצטן מאל און געוואונקן. אחדות השם איז די דריטע מצוה, נישט די צווייטע! ויצאה נשמתו באחד. דאס איז געווען די לעצטע תגובה וואס ער האט אנגעמערקט אין זיין לעבן. דאס איז אים געלעגן אין די בלוט! לעילוי נשמתו לאמיר זיכער מאכן אז אין אונזער בלוט פליסט אויף תורה און אמונה. געגאנגען חזר'ן...!

הגליון נתנדב ע"י הרבני הנגיד הרוצה בעילום שמו

## לע"נ הרה"ק חיים זאנוויל ב"ר משה זצוק"ל

זכות אלפי תפלות ישראל יעמדו לו לזכות להתברך בכל הברכות האמורות בתורה, עם בני חיי ומזוני רויחי ומלא חפניים נחת מכל יוצאי חלציו. אמן

**בארא פארק**
דאווענט פיין
בזכות
**הר"ר דוד פרידמאן שליט"א**
זכות התעוררת התפלה לאלפי תושבי בארא פארק יעמוד לו להתברך בבני, חיי, ומזוני רויחי, וכל מילי דמיטב, במדה גדושה ומתוך מנוחת הנפש והרחוות הדעת

**ווילאמסבורג**
דאווענט פיין
בזכות
**הר"ר ברוך ראזענבערג שליט"א**
זכות התעוררת התפלה לאלפי תושבי וויליאמסבורג יעמוד לו להתברך בבני, חיי, ומזוני רויחי, וכל מילי דמיטב, במדה גדושה ומתוך מנוחת הנפש והרחוות הדעת.

**מאנסי**
דאווענט פיין
בזכות
**הר"ר מרדכי דוד ניימאנן שליט"א**
זכות התעוררת התפלה לאלפי תושבי מאנסי יעמוד לו להתברך בבני, חיי, ומזוני רויחי, וכל מילי דמיטב, במדה גדושה ומתוך מנוחת הנפש והרחוות הדעת.

**קרית יואל**
דאווענט פיין
בזכות
**הר"ר יואל קרויס שליט"א**
זכות התעוררת התפלה לאלפי תושבי קרית יואל יעמוד לו להתברך בבני, חיי, ומזוני רויחי, וכל מילי דמיטב, במדה גדושה ומתוך מנוחת הנפש והרחוות הדעת.

ואלו יעמדו על הברכה על השתתפם להרבות תורה ותפלה בישראל. **זכותם עומדת לעד** - הר"ר חיים פריעדמאן שליט"א - הר"ר פנחס פאוזן שליט"א - הר"ר יעקב כרמל שליט"א - הר"ר ש. ראטענבערג שליט"א - **לזכות לרפואה שלימה:** ישראל בן צפורה -ישראל בן סיני - יעקב יוסף בן שינדל - יוכבד בת שושנה - **לע"נ:** הרה"ק משולם פייש בן אלימלך וצירל זצוק"ל - הרה"ג אביגדור בן ישראל זי"ע - הרה"ג נח בן ישראל זי"ע - ר' ישראל ב"ר מנחם צבי ורחל ז"ל - ר' אברהם ב"ר יוחנן ז"ל - ר' שמעון בן אפרים ז"ל - ר' יוחנן בן אברהם ז"ל - ראצל ב"ר מאיר ע"ה - זכות התעוררת התפלה לאלפי אחב"י ימליצו בעדם.

# מכון א מחי'!


פעקס:
845.777.8015

אימעיל:
Mechon.A.Mechayeh@gmail.com


**זייט מחי' הונדערטער אידישע קינדער! ערמעגליכט צו פארשפרייטן דעם קומענדיגן גליון אין פרינט. ומתן שכרו בצדו א ספעציעלע שיינע באנוס גליון מיט נאך שיינע ענינים און מכתבים למערכת וואס האבן נישט געהאט קיין פלאץ אינעם געהעריגן גליון.**

**די גליון קומט ארויס פון צייט צו צייט אויף אימעיל, צו באקומען שיקט Subscribe צו Mechon.A.Mechayeh@gmail.com**

**פיינע נייעס! איר קענט שוין אויסהערן די מחי'דיגע יסודות, זאפטיג אראפגעלייגט אויף דעם פרישן קול א מחי'! 845-999-3303**